קרבן און מכוין לבו לשמים, דאס טוט אויף - כפשוטו אין נגלה - מערער ווי דאס וואס דער אויבערשטער האט פריער געהאט די ברירה פון בהמות בהררי אלף - וואס דערפאר איז קיין תפיסת מקום ניט בשר אבירים ודם עתודים,

פונדעסטוועגן איז למעשה ידיך תכסוף, און דער אויבערשטער בעט זיך ביי משה׳ן, אז בשעת ער האט אים אנגעזאגט אויף בנ"י, זאל ער אנזאגן בנ"י על המלך, ווי ער זאגט אין מדרש - אז דער אויבערשטער בעט זיך "תשמרו להקריב לי במועדו", דאס איז לחמי לאשי - למעשה ידיך תכסוף,

אז דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל לערנען תורה און מקיים זיין מצות, וואס כללות ענינם איז דאך, אז מען נעמט פון וועלט און מען מאכט דערפון א קרבן וואס מען איז מקריב להקב"ה. וואס דעמאלט איז מען מחבר די נשמה פון וועלט, וואס דאס איז דער אויבערשטער, אז ער זאל ממלא זיין את העולם, ביז אין אן אופן אז מען וועט זען אז יש בעה"ב לבירה זו,

און אין וואס פארא אופן וועט מען דאס זען? - אז דער עיקר איז דער מקריב הקרבן, דער איד. מערניט, דערפאר וואס ער איז מלך ישראל, און "אמר הקב"ה אמרו לפני" - אז דער אויבערשטער בעט זיך "המליכוני עליכם", איז דורך מלך ישראל, וועט ער דערנאך ווערן מלך כל הארץ,

ביז אז עס וועט זיין אין א אופן פון גלה כבוד מלכותך, וידע כל פעול כי אתה פעלתו, אז ס׳וועט זיין מה הנשמה ממלא את הגוף כך הקב"ה ממלא את העולם, און מ׳וועט דאס זען בגלוי, ביז אז עס וועט זיין - ווי מען איז מסיים דעם יעוד - ביום ההוא יהי׳ הוי׳ אחד ושמו אחד,

אז אעפ"י וואס קרבנות דערגרייכן אין הוי׳ - אין שם העצם, און שם המפורש און שם המיוחד, איז דאך דער תכלית, אז ס׳זאל זיין דער ושמו אחד, אז דורכן קרבן וואס דאס איז ריח, ווערט דערנאך ניחוח - ווי ער טייטשט אפ אין ספרי על אתר, נח"ר לפני שאמרתי ונעשה רצוני - בשעת מען האט גורם געווען, און אויפגעטאן דעם נח"ד ביי דעם אויבערשטן, אז נעשה רצוני.

וואס דעמאלט ווערט מקויים דאס וואס ער זאגט אין דער משנה (אבות פ"ב מ"ד), אז בשעת עשה רצונו כרצונך, דעמאלט מאכט ער, כביכול, רצונך כרצונו, אז ועמך כולם צדיקים, צדיק גוזר והקב"ה מקיים, אז ס׳קומט דערנאך אראפ אין מלך ישראל, ווי די גמרא זאגט פריער אין סוף מנחות, בכל מקום מוקטר מוגש לשמי, אז מ׳זעט דעם אויבערשטן ממזרח שמש ועד מבואו, ווי ער ברייננט דארט אראפ די פסוקים,

ביז אז דאס וועט נתגלה ווערן בקיום היעוד - כמו שאני נכתב אני נקרא, בביאת משיח צדקנו, וואס דעמאלט וועט זיין דער ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו כי פי ה׳ דיבר, בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש.

ב. מ׳האט דאך פריער גערעדט וועגן דאס וואס ער זאגט אין פיה"מ

הנחת הת׳ בלתי מוגה

פיה"מ, אז דער סדר איז אז נאך זבחים קומט מנחות, ווי ער איז דארט מפרש, אז דערמיט פארענדיקט זיך דער ענין פון די קדשים. און נאך דערויף ווי מ'האט מסיים געווען דעם ענין פון קדשים, גייט מען אריבער צו מס' חולין, וואס זי ווערט אויך אנגערופן שחיטת חולין, זביחה,

וואס בזמן שאין ביהמ"ק קיים איז תפלות במקום קרבנות תקנום, און אפילו בזמן שבית המקדש קיים איז, כמדובר לעיל, דער עיקר - "ובלבד שיכוין את לבו לשמים", וואס דאס איז דאך דער ענין התפלה,

ווארום כפשוטו, איז דאך יכוון את לבו ניט דער טייטש בלויז וואס ער איז מכוון אז ער איז דאס מקריב לשם ששה דברים, ווי די משנה זאגט (זבחים פ"ד מ"ו). דאס איז גאר מכוון דער כהן, (ס'איז בלויז וואס לב ב"ד מתנה עליהם בנוגע צו די בעלים), דאס וואס ער זאגט דא "ובלבד שיכוין את לבו", כפשוטו, גייט דאס אויף דעם וואס איז מרבה אדער ממעיט, ד.ה. אויף דעם אידן, וואס ער איז דער מקריב הקרבן, צי ער איז א כהן, צי א לוי, צי א ישראל,

אבער דא רעדט זיך ניט מצד דעם וואס איז עובד העבודה ע"ג המזבח, נאר דאס רעדט זיך מצד דעם וואס איז מרבה אדער ממעיט - דער וואס ברייננט דעם קרבן. און אויף דערויף זאגט מען, אז יכוין את לבו לשמים, מיינט מען ניט די ששה דברים, נאר דאס מיינט מען כללות הענין אז ער איז מכוון את לבו ומתפלל להקב"ה צו וועמען ער ברייננט דעם קרבן, אז זיין קרבן זאל טאן דאס וואס דער קרבן דארף טאן - וואס דאס איז דער ענין התפלה.

וואס בענין התפלה געפינט מען, בשעת די גמרא אין ברכות (לא,א) וויל אפלערנען הלכתא גברתא בהפלה, זאגט די גמרא, אז דאס לערנט מען אפ פון תפלת חנה. און ווי מ'לערנט דארט ארויס כמה פרטים פון יעדער הנהגה, ווי ס'ווערט דערציילט אין די הפטורה פון ר"ה. אז ווי אזוי חנה האט זיך נוהג געווען בתפלתה, לערנט מען אפ דערפון לתפלתו של כל אחד ואחד.

לכאורה איז דער גאנצער ענין ניט פארשטאנדיק: דער ענין הקרבנות און דער ענין התפלה, איז געווען הונדערטער און העכער טויזנט יאר פאר חנה'ן, ביז אז מ'געפינט שוין אין חומש, כמה עניינים של תפלה. איז בשעת תורה דארף דערציילן ווי אזוי מ'זאל זיך נוהג זיין אין תפלה, האט מען געווארט ביז ס'איז געקומען דער ענין וואס תורה דערציילט דעם ענין פון חנה'ן, און דעמאלט שטעלט מען דארט אריין די אלע פרטים, כדי מ'זאל וויסן ווי אזוי א איד דארף דאווענען - לכאורה האט דאס געדארפט שטיין ביי דעם ערשטן ארט וואו ס'ווערט דערמאנט תפלה?

מ'קען דאס ניט פארענטפערן, אז תורה וויל דאס ברייננען בא א תפלה וואס איז נוגע בעיקר. וואס וואס איז נוגע בעיקר, איז דאס ע"ד ווי אברהם האט געזאגט (בראשית טו,ב), "מה תתן לי ואנכי הולך ערירי", אז אלע עניינים וואס ער האט איז "מה תתן לי" - ס'האט קיין ענין ניט, בשעת ס'איז הולך ערירי. במילא, דארף מען ארייננשטעלן הלכתא גברתא פון תפלה, אין א תפלה וואס איז אויף א ענין הכי עיקרי,

איז

הנחת הת' בלתי מוגה

איז אפילו א תפלה על בנים געפינט מען אויך. ווי ער זאגט בא אברהם׳ן (ווי ערשט געזאגט) אז אברהם האט מתפלל געווען "מה תתן לי ואנכי הולך ערירי", און דער אויבערשטער האט אים געענטפערט אז ער וועט האבן יצחק׳ן. נאר מען קען זאגן אז דארט איז ניט געווען באופן של תפלה - ער האט נאר געזאגט א טענה, האט אים גלייך דער אויבערשטער געזאגט אז ער וועט האבן יצחק׳ן.

איז בא יצחק ורבקה געפינט מען בפירוש, אז זיי האבן מתפלל געווען אויף בנים, (און די פרטים בזה, אז דער איז געווען בקרן זה און דער איז געווען בקרן זה), ווי ער דערציילט אין חומש. איז ווייבאלד אז דאס איז הלכתא גברתא אין תפלה, האבן זיי זיך אויך נוהג געווען ווי מ׳דארף מתפלל זיין. איז דארטן בהנוגע צו יצחק ורבקה דערציילט מען דאס ניט, און מ׳ווארט אפ ביז מ׳קומט צו תפלת חנה, אעפ"י וואס דארטן איז געווען א תפלה, וואס איז געווען לכאורה אויף דעם זעלבן ענין - אויף ונתתה גו׳ זרע אנשים.

ועד"ז איז דאך נאך תפלת יצחק ורבקה אויך דא תפלת יעקב, ועד"ז כמה ענינים של תפלה, ביז מ׳קומט צו תפלת חנה בהנוגע לבנה שמואל. איז ווייבאלד אז מ׳שטעלט דאס דוקא בא תפלת חנה, מוז מען דאך זאגן אז ס׳איז דא א ענין בא תפלת חנה, וואס טיילט דאס אויס פון אלע ענייני תפלה וואס ס׳איז דא.

וואס וואס איז דאס, איז דאס פשוט פארשטאנדיק פון נגלה פון די ענינים - ווי דער ענין איז עפ"י נגלה, ביז ווי דאס קומט אראפ אין א דין:

בשעת חנה האט מתפלל געווען, האט זי אויפגעטאן בתפלתה א זאך וואס מ׳געפינט ניט ביי קיינעם אז ער זאל דאס קענען אויפטאן בתפלתו.

אברהם האט אויפגעטאן אז וארבה את זרעו ואתן לו את יצחק; יצחק ורבקה האבן אויפגעטאן בתפלתם, אז ס׳איז נתמלא געווארן בקשתם און זיי האבן געהאט קינדער; ועד"ז תפלת יעקב ושמרני בדרך גו׳, וכו׳ וכו׳. מ׳געפינט אבער אלץ אז תפלתם האבן אויפ-געטאן בהנוגע צו זיך, ס׳האט אויפגעטאן בהנוגע לבנים ובני בנים, ס׳האט אבער ניט שולל געווען דעם ענין פון צדיק ורשע לא קאמר, דאס האט תפלה ניט געקענט שולל זיין.

בא חנה׳ן געפינט מען - ווי גערעדט אמאל בארוכה אין סיום פון מס׳ נזיר (י"ב תמוז תשכ"ה) - א דבר פלא, אז זי האט געמאכט שמואל׳ן פאר א נזיר, "ומורה לא יעלה על ראשו", וועד האט דאס אויפגעטאן - חנה בתפלתה,

וואס מ׳מאטערט זיך אין גמרא און אין מפרשים און אין פוסקים, וואס פארא כח האט חנה געקענט האבן - "האיש מדיר את בנו בנזיר ואין האשה מדרת את בנה בנזיר"? ווי אזוי האט חנה בתפלתה ניט נאר גע׳פועל׳ט, אז "ונתתה לאמתך זרע אנשים", נאר זי האט אויך אויפגעטאן, אז דער ענין וואס אזוי ליגט דאס בבחירתו - האט חנה געזאגט, אז זי וועט אים אפגעבן אין בית ה׳, "וישב שם עד <u>עולם</u>" - כל זמן ער וועט זיין בעולמו, און אזוי איז דאך טאקע געווען, בן שני שנים האט זי אים געבראכט, און שמואל

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

שמואל תי נ"ב שנה. (וואס מען לערנט דאך אפ אז עולם איז דער פסט חמשים שנה, וואס חנה האט געזאגט "וישב שם עד עולם").

האט חנה אויפגעטאן בתפלתה, אז אעפ"י וואס שמואל איז געווען א בעל בחירה, מיט אלע פרטים שבדבר, און ער האט געקענט אדער זיין א נזיר, אדער ניט זיין א נזיר; מורה יעלה על ראשו, אדער לא יעלה על ראשו, איז חנה געווען בטוחה בתפלתה, אז אויב די תפלה וועט נתקבל ווערן, איז זי מבטיח, און וועט מקיים זיין, אז "הוא שאול", און זי וועט אים ברייגנען אין שילה, "וישב שם עד עולם". ביז אז ס'קומט ארויס א גאנצע שורה מיט דינים, ווי איז דער דין בא אזא נזיר, ווי ס'איז געווען בא חנה'ן.

מ'געפינט לכאורה עד"ז אויך בא נזיר שמשון, וואס דארט איז אויך געווען דער ענין אז ער זאל זיין א נזיר. וואס געפינט מען אבער דארטן, אז דער מלאך האט דאס געזאגט. דער מלאך האט אנגעזאגט ווי אזוי זאל זיין די הנהגה פון מנוח ואשתו, אז דער קינד וואס ס'וועט געבארן ווערן, דארף ער זיך פירן באופן כך וכך, אבער ניט א בן אדם, און ניט ע"י תפלתו. דארט האט דער מלאך אויפגעטאן, אז ער האט געגעבן מנוח ואשתו א קינד, א זון. בשעת מנוח האט אבער געזאגט "מה יהי' משפט הנער", האט ער דאס געפרעגט בא דעם מלאך, בא זיי אליין איז ניט געווען קיין ענינים בזה. און אויך דערוף האט זיי דער מלאך געענטפערט אז מ'דארף זיך פירן באופן כך וכך.

בא חנה'ן איז דער פירוש, אז ניט אימיצער האט איר געזאגט, ניט עלי, ניט קיין נבואה, קיינער ניט. זי האט געזאגט "וישב שם עד עולם", אז כל זמן אז ער וועט זיין בעולם, וועט זיין די הנהגה אז ער וועט זיין אין בית ה'.

ביז אז דאס איז אויך נוגע אין דינים, ווי אזוי שמואל האט זיך געדארפט פירן בנוגע צו דיני נזיר, מצד הפלתה של חנה - וואס די תפלה איז געווען פארבונדן מיט איר הבטחה "וישב שם עד עולם".

וואס אזא תפלה, געפינט מען ניט בא תפלת אברהם; ניט בא תפלת יצחק, וואס בא יצחק ורבקה איז געבארן געווארן עשו אויך, אעפ"י וואס ביצחק יקרא לך זרע, איז דאס דוקא ביצחק ולא כל יצחק, און אעפ"כ איז ער דאך יורש, ווי די גמרא זאגט (קדושין יח,א); ועד"ז בתפלתו של יעקב, ועד"ז בתפלות וואס מ'ברייגנט ביז תפלת חנה.

דא האט זיך אויפגעטאן א נייער ענין אין תפלה, ס'האט אויפגעטאן אז דער זון וואס ס'וועט געבארן ווערן, איז זי מבטיח אז ס'וועט זיין אין א אופן "וישב שם עד עולם", (וואס ניט ח"ו ער האט קיין בחירה ניט געהאט, דעמאלט וואלט דער גאנצער ענין ניט געווען שייכות, אבער אעפ"כ איז דאס געווען אזוי ווי זי האט מבטיח געווען), וואס אזא סארט תפלה, איז דאס א תפלה שאין למעלה הימנו.

דערפאר איז בשעת די גמרא זאגט אין ר"ה (יא,א) אז בר"ה נפקדו שרה און חנה, און נאך כמה וכמה ווי ס'שטייט אין מדרשי רז"ל. איז דאס וואס מ'דערמאנט וועגן שרה'ן, איז בלויז וואס נפקדה

הנחת הת' בלתי מוגה

נפקדה - "וה׳ פקד את שרה", מ׳דערמאנט ניט דעם ענין התפלה שלה, אדער ענין התפלה של אברהם, מ׳דערמאנט מערניט אז דער אויבערשטער האט דעמאלט פוקד געווען את שרה,

בשעת מ׳לייענט אין דער הפטורה, לייענט מען דעם גאנצן סיפור המעשה, ווי אזוי פריער איז ניט געווען קיין מציאות ע"ז. און וואס האט דאס אויפגעטאן, האט דאס אויפגעטאן א איד - חנה ע"י תפלהה. און וואס האט זי אויפגעטאן, ניט נאר אז ס׳איז געווען זרע אנשים, נאר אז דערנאך איז דאס געווען אין אזא אופן, אז כל ימי חייו איז ער געווען בבית ה׳, וואס דאס איז דער העכסטער פאל וואס ס׳קען זיין אין תפלה.

דערפאר איז בשעת מ׳דארף אריינשטעלן הלכתא גברתא אין תפלה, שטעלט מען דאס אריין אין דעם העכסטען אופן אין תפלה. וואס תפלתה איז דער העכסטער אופן וואס ס׳קען זיין אין תפלה, איז דארטן שטעלט מען אריין די פרטים,

איז אעפ"י וואס דאס איז געווען פריער אויך, איז דאס ווי די גמרא זאגט בכמה מקומות, אז מ׳האט געוואוסט דעם ענין פריער, ואתא יחזקאל ואסמכי׳ אקרא. אבער אעפ"כ, בתורה איז דאך יעדער ענין מיט א כוונה און מיט א הבנה והשגה, איז פארוואס עפעס אסמכי׳ אקרא דוקא אין תפלת חנה, איז דאס דערפאר וואס תפלת חנה איז דער ראש לכל התפלות.

און דאס איז אויך, וואס די גמרא זאגט (ברכות לא,ב) און אין מדרש, אויף "משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו", אז שמואל איז שקול כנגד משה וכנגד אהרן, וואס דאס איז דער זרע אנשים וואס חנה האט גע׳פועל׳ט.

וואס דער כללות הענין פון משה ואהרן, איז שני הפכים. משה׳ס ענין איז געווען תורה, וואס דאס איז "הלא כה דברי כאש"; אהרן׳ס ענין איז געווען עבודה - קרבנות, תפלה - וואס דאס הייבט אפ אַן מעשה האדם. אדער בלשון הקבלה (זח"ג כ,א), שושבינא דמלכא און שושבינא דמטרוניתא, שני הפכים, וואס דערפאר איז דאס געווען אין צוויי באזונדערע מענטשן, דאס איז געווען משה, און דאס איז געווען אהרן.

שמואל האט אויפגעטאן א ענין, אז משה ואהרן בכהניו, איז בא שמואל געווען בקוראי שמו, דאס איז געווען ביי איינעם. וואס דערפאר קומט דערפון ארויס דער מדרש, אז שמואל שקול כנגד משה ואהרן ביחד.

וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס מ׳זאגט, אז בהנוגע צו תפלה איז דא דער ענין פון תפלה אליין, דערנאך איז דא א תפלה נעלית ביותר,

איז וואס פארא זרע אנשים קומט דארט ארויס, א זרע אנשים פון שמואל, וואס ער האט אין זיך די הפכים, אי פון משה אי פון אהרן. וואס הנהגת משה איז געווען אמת, וואס דערפאר שטייט דארטן ניט כל ישראל, משא"כ בא אהרן [- אוהב את הבריות ומקרבן לתורה] שטייט כל בית ישראל - סיי אנשים סיי נשים, דערפאר וואס דאס איז געווען עבינו של אהרן הכהן - "אוהב את הבריות ומקרבן

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ומקרבן לתורה", אבער ווער האט זיי דערנאך געגעבן די תורה, - משה. שמואל האט אויפגעטאן בײדע ענינים - ס'איז געווען דער ענין פון מקרבן לתורה, דערנאך האט ער זיי געגעבן תורה.

וואס דאס איז וואס מ'קען מבאר זיין פארוואס די הלכתא גברתא געפינט מען דוקא בתפלת חנה - דערפאר וואס דאס איז א תפלה וואס איז א נעלית ביותר בהנוגע לפעולתה בעוה"ז, אז ס'האט אויפגעטאן א ענין פון זרע אנשים, און מ'האט אים געמאכט פאר א נזיר, און וישב שם עד עולם, אז כל ימי חייו האט ער זיך געפירט ווי מ'פירט זיך אין בית ה'.

פירן דער גמרא לערנט מען אבער אפ נאך א ענין, אז וויבאלד אז מ'זאגט אז הלכתא גברתא קען יעדער איד אפלערנען להתפלתו פון תפלת חנה, איז דערפון פארשטאנדיק, אז יעדער איד האט ביכולת אז ער זאל דערגרייכן און אויפטאן ביז דעם אופן התפלה ווי חנה האט אויפגעטאן. ווארום אויב ס'וואלט ניט געווען קיין קשר און קיין ערך ביניהם, ווי קען מען אפלערנען פון חנה'ן אויף אים, אז דאס רעדט זיך וועגן חנה'ן, און דאס רעדט זיך וועגן א איד א פשוט'ן, און די גמרא פסק'נט אפ א דין על יסוד זה, אז בשעת א איד שטעלט זיך דאווענען בכל מקום ובכל זמן, צי בא"י צי בחו"ל, צי בזמן שבית המקדש הי' קיים צי משחרב ביהמ"ק, איז אויב נאר ער דאווענט און ער איז מחוייב בתפלה, גיט מען אים די אלע ענינים בתפלה, אז ער זאל זיך פירן ווי חנה האט זיך געפירט בתפלתה.

און דעמאלט איז אין הקב"ה מקפח שכר כל ברי' - אויב ער פירט זיך עפ"י ציווי הקב"ה, ווי חנה האט זיך געפירט בתפלתה, קען ער מאנען בא דעם אויבערשטן, אז דער אויבערשטער זאל ממלא זיין תפלתו ווי ער האט ממלא געווען תפלת חנה. ווארום דער אויבערשטער האט אים געהייסן ער זאל אזוי דאווענען - בנוגע צו "שפתי' נעות וקולה לא ישמע", מיט די אלע פרטים וואס די גמרא רעכנט דארט אויס. וואס דעמאלט קומט ארויס - ע"ד ווי גערעדט ר"ה, ווי דער לשון אין מדרש, אז אתה מחוייב לסלוח, און אתה מחוייב לרחם, און אתה מחוייב לקבל התפלה.

וואס דאס איז בכללות דאס וואס דער אלטער רבי שרייבט אין אגה"ת (פי"א), אז וויבאלד אז מ'מאכט המרבה לסלוח, מיט א ברכה, וואס ספק ברכות להקל, (וואס דא איז ניט דער פשט איין ספק, נאר ספק ספיקא וכו' עאכו"כ), איז דערפון פארשטאנדיק אז ס'איז א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער איז מקבל תפלת כל ישראל, בדוגמא ווי מ'איז מקבל תפלת חנה,

וואס דאס לייענט מען דאך אין דער הפטורה אין תחלת השנה, נאך פאר תקיעת שופר. וואס דערנאך איז דער אויבערשטער מעלה כל הקולות, מיט די אלע ענינים מיט אלע תפלות - "עלה אלקים בתרועה הוי' בקול שופר", אז די תפלה של כאו"א, בכלל זה דער ענין פון תקיעת שופר וואס דאס איז אויך א ענין פון תפלה, איז עולה למעלה און נתקבל - ווי די גמרא לערנט דאס אפ, אז דאס איז ווי ס'איז געווען ביי תפלת חנה,

און דער אויבערשטער איז מקבל תפלת כל עמו ישראל ברחמים, און דערנאך איז ער דאס ממלא במילואה, ולמטה מעשרה טפחים, אז ס'ווערט

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ס׳ווערט נתמלא מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, ביז אין אן אופן, אז ביי א איד, איז כל משך ימי חייו ביז הונדערט און צוואנציק יאר, ווערט ממולא די בקשה אז ער זיצט בבית ה׳ עד עולם, ווי מ׳זאגט אין ל׳דוד אורי, "ולבקר בהיכלו", מיט די אלע פרטים וואס ער רעכנט דערנאך אויס,

און דאס ווערט געטאן מתוך הרחבה ומתוך שמחה וטוב לבב, אז מ׳האט א שנה מבורכת בכל טוב, גשמי ורוחני גם יחד, למטה מעשרה טפחים, ביז לקיום היעוד פון דעם טוב האמיתי, טוב לשמים טוב לבריות, בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ג. אז מ׳האלט שוין אין נגלה, וועט מען אויך מסיים זיין א ענין אין נגלה וואס איז פארבונדן מיט ר"ה.

היינטיקן ד"ה איז דאך געווען "יו"ט של ר"ה שחל להיות בשבת", איז דאס איז דאך לכו"ע לא פליגי אז אין תוקעין בשבת, נאר למהרתו, ס׳איז אבער דא א ענין וואס אין דערויף איז דא חילוקי מנהגים, און דאס איז דער ענין פון תשליך.

וואס אזוי גייט מען דאך צום תשליך ביום ראשון דר"ה, ווערט די שאלה יו"ט של ר"ה שחל להיות בשבת, ווי איז דער דין, און ווי איז דער מנהג, בהנוגע צו תשליך,

וואס בהנוגע אלינו איז לכל לראש דארף מען א קוק טאן וואס דער אלטער רבי פסק׳נט בזה. וואס דאס איז דאך פון די סימנים וואס ס׳איז דא אין שו"ע, און ס׳איז אויך פון די ענינים וואס דער אלטער רבי שרייבט אין סידור.

איז בשעת מ׳גיט א קוק בשו"ע (סתקפ"ג ס"ז), זעט מען אז דער אלטער רבי שרייבט סתם אז ביום א׳ דר"ה גייט מען צו תשליך, און איז ניט מחלק וואס פארא יום בשבוע דאס איז. וואס לכאורה עפ"ז קומט דאך אויס, אז דער אלטער רבי האלט, אז עפ"י דין איז קיין נפק"מ ניט ווען ס׳איז יום א׳ דר"ה, דארף מען דעמאלט גיין צו תשליך.

כמדובר כמה פעמים, איז א גרויסע הארץ ווייטיק וואס מ׳ליגט ניט אין אלטן רבי׳נס שו"ע בדבעי, עאכו"כ וואס מ׳קאכט זיך ניט. במילא, איז אויך ניט ברור די כללים אין דעם אלטן רבי׳נס שו"ע, ווי ער האט זיך געפירט - וואס פארא דינים ער ברייגגט און וואס פארא דינים ער ברייגגט ניט,

ווי מ׳זעט דאך כמה ענינים וואס ס׳ווערט אפגע׳פסק׳נט אין אחרונים און אעפ"כ ברייגגט זיי ניט דער אלטער רבי. ביז אז ס׳איז דא דינים אין מג"א, וואס דער אלטער רבי - ווי ער שרייבט אין דברי נחמי׳ - האט זיך סומך געווען אויף אים נאך יתר מן המדה, אעפ"כ איז דא דינים וואס דער מג"א ברייגגט דאס, און דער אלטער רבי אין שו"ע ברייגגט דאס ניט אראפ, וואס צריך עיונא אויף לברר מאי טעמא בזה. (דאס רעדט מען אין די סימנים וואס ער ברייגגט אראפ דינים פון מג"א, איז דא דינים, אין דעם זעלבן סימן, וואס ער ברייגגט ניט אראפ),

ס׳ווייזט אבער אויס מכמה מקומות, אז ע"ד ווי ס׳איז

דער

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>